בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת בהעלותך תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 436

## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### פינף מאל 'ישראל'

"וָאֶתְּנָה אֶת הַלְוִיִּם נְתֻנִים לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לַעֲבֹד אֶת עֲבֹדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּאֹהֶל מוֹעֵד וּלְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְלֹא יִהְיֶה בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל נֶגֶף בְּגֶשֶׁת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל הַקֹּדֶשׁ" (ח יט)

אין דער פסוק וואס באפעלט די לויים אפהיטן כלל ישראל זאלן נישט געשטראפט ווערן ווען זיי דערנענטערן זיך נאנט צום משכן, ווערט דערמאנט פינף "בני ישראל" - אקעגן די חמשה חומשי תורה. די פאקט קומט אונז לערנען אז יעדער איד איז חשוב פאר ה' אזוי ווי די חמשה חומשי תורה, און זיין טויט ווערט גערעכנט פאר ה' ווי א ספר תורה וואס איז פארברענט געווארן (רש"י, ע"פ 'גור אריה').

דער ראב"ן שרייבט אז אקעגן דער פסוק וואו עס ווערט דערמאנט די ליבשאפט און די מעלה פון אידישע קינדער, איז פארפאסט געווארן די אויספיר פון די ברכה 'גאל ישראל' ביי שחרית, וואו דארט ווערט אויך דערמאנט פינף מאל ישראל: "צור ישראל קומה בעזרת ישראל ופדה כנאמך יהודה וישראל ונאמר גואלנו ה' צב-אות שמו קדוש ישראל, ברוך... גאל ישראל".

ספר 'המנהיג' הל' תפילה סי' מ

### א תפילה מתוך שמחה ווערט אוועקגעלייגט

"וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם וּבְמוֹעֲדֵיכֶם וּבְרָאשֵׁי חָדְשֵׁכֶם וּתְקַעְתֶּם בַּחֲצֹצְרֹת עַל עֹלֹתֵיכֶם וְעַל זִבְחֵי שַׁלְמֵיכֶם וְהָיוּ לָכֶם לְזִכָּרוֹן לִפְנֵי אֱלֹקֵיכֶם אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם" (י י)

**רבי שלמה קלוגער זאגט:**

א תפילה וואס ווערט געזאגט מתוך שמחה איז דאס מערסטע באוויליגט און אנגענומען, אזוי ווי עס שטייט (תהלים ק ב): "עִבְדוּ אֶת ה' בְּשִׂמְחָה בֹּאוּ לְפָנָיו בִּרְנָנָה". אבער די שוועריקייט איז אז פונקט ווען דער מענטש געפונט זיך אין א צרה און איז אנגעוויזן אויף רחמי שמים, איז ער נישט מסוגל צו דאווענען בשמחה. דעריבער זאגן די חכמים (סנהדרין מד ב): "לעולם יקדים אדם תפילה לצרה", א מענטש זאל פארמערן דאווענען ווען ער איז בשלום ובשלווה, כדי אז זיינע תפילות וואס ווערן געזאגט מתוך שמחה וועלן אים געדענקט ווערן און שטיין צו זיין זכות ווען ער וועט זיך אנטרעפן אן א צרה.

דער יסוד איז מרומז אין אונזער פסוק: "וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם... וּתְקַעְתֶּם בַּחֲצֹצְרֹת" - פארמערט דאווענען ווען ענק זענען בשלווה און בשמחה, "וְהָיוּ לָכֶם" די תפילות וואס זענען געזאגט געווארן מתוך שמחה, "לְזִכָּרוֹן לִפְנֵי אֱלֹקֵיכֶם", מעורר זיין אויף ענק רחמים ווען עס וועט חלילה קומען א צרה און ענק וועלן נישט קענען דאווענען מתוך שמחה.

'חכמת התורה' עמ' רמד

### די סימן פון 'תפילתי שגורה' איז נאר 'לרחוק' און נישט 'לקרוב'

"וַיִּצְעַק מֹשֶׁה אֶל ה' לֵאמֹר אֵ-ל נָא רְפָא נָא לָהּ" (יב יג)

די ווארט "לאמר" ערקלערט רש"י (ע"פ ספרי פיסקא קה) אז משה רבינו האט געבעטן פון הקב"ה: "השיבני אם אתה מרפא אותה אם לאו".

די זאך איז זייער שווער צו פארשטיין; איז דען די דרגה פון משה ווייניגער פון רבי חנינא בן דוסא וואס האט אליינ'ס געוואוסט צי זיין תפילה איז אנגענומען געווארן אדער נישט, דורך 'אם שגורה תפילתי בפי' (ברכות לד ב)?

ערקלערט **רבי יוסף יעסל** דער רב פון וואיין וואס איז נעבן בריסק:

אט דער סימן וואס רבי חנינא בן דוסא האט געהאט איז נאר ביי א לאנגע תפילה, אבער נישט ביי א קורצע תפילה וואס די ווייניג ווערטער קומען ארויס אן שוועריקייטן. דעריבער דא וואס משה האט מקצר געווען ביי זיין תפילה כדי די אידן זאלן נישט זאגן אז נאר אויף מרים זיין שוועסטער איז ער מאריך בתפילה (רש"י), האט ער געדארפט בעטן ה' זאל אים צו וויסן טון צי די תפילה איז אנגענומען געווארן.

דער יסוד ווערט גוט פארטייטש אין דער פסוק וואס די גמרא ברענגט (שם) אלס מקור צו די ווערטער פון רבי חנינא (ישעיה נז יט): "בּוֹרֵא נִיב שְׂפָתָיִם שָׁלוֹם שָׁלוֹם לָרָחוֹק וְלַקָּרוֹב אָמַר ה' וּרְפָאתִיו"; ווען דער "נִיב שְׂפָתָיִם" איז געזונט און די ווערטער קומען ארויס קלאר [די ווארט 'בורא' ווערט געטייטש ווי דער לשון 'בריא' (רש"י שם)], איז דאס א צייכן אז עס איז "שלום" פארן קראנקן. אבער דער סימן איז נאר ביי א תפילה "לרחוק" וואס דער מתפלל איז מאריך אין דעם, אבער "ולקרוב" - ביי א תפילה אויף א 'קרוב' וואס מען דאוונט קורץ נוצט נישט דער סימן, נאר דער מתפלל דארף ווארטן ביז: "אָמַר ה' וּרְפָאתִיו".

'פֹּרת יוסף' [וואנזבעק תפ"ז]

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### "חצוצרות" פון אמן

אין אונזער פרשה, פרשת בהעלותך, לערנען מיר אויף די מצוה פון די 'חצוצרות' וואס מען האט זיי געניצט אין משכן און אין בית המקדש צו בלאזן בשעת'ן מקריב זיין קרבנות, אויך אין א צייט פון א מלחמה, אזוי ווי עס שטייט (במדבר י, ט): "וכי תבואו מלחמה בארצכם על הצר הצורר אתכם **והרעותם בחצוצרות ונזכרתם לפני ה' אלקיכם** ונושעתם מאויביכם".

אין דער מצב וואס מיר געפינען זיך יעצט, קען מען זאגן אז מיר זענען אויפן שוועל פון א שטענדיגע געפאר פון א מלחמה, אזוי ווי מיר האבן געזאגט נישט לאנג צוריק ביי די הגדה של פסח: "שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו", אין א בחינה פון "כבשה בין שבעים זאבים" (אסת"ר ט, יא); און נאר "הקדוש ברוך הוא מצילנו מידם".

עס איז זייער וויכטיג און עס לוינט זיך צו וויסן און געדענקען אז מיר האבן, יעדער פון אונז, אייגענע 'חצוצרות', וואס אין זייער זכות קענען מיר זיך באשיצן פון אונזערע פיינט. און אזוי זאגט אונז דער 'תנא דבי אליהו' (רבה יא): "במי נפרע להם הקדוש ברוך הוא לישראל מאומות העולם? בבני אדם שמשכימים ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש ועונים אמן..."

יא! אויך היינט צו טאג, ווען אלע ארום פרובירן נאך און נאך אונז שעדיגן, קענען מיר גראטעוועט ווערן פון זייערע הענט אין זכות פון מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן. עס איז נישט קיין ספק די מיליאן'ען אמן'ס וואס ווערן געזאגט דורך דאס אידישע פאלק יעדן טאג באשיצן די אידן פון אלעס שלעכט'ס. עס איז אין אונזערע הענט!

צו דעם, וועלן מיר צולייגן הארץ און מוח אויף א וויכטיגע פונקט אין די ווערטער פון 'תנא דבי אליהו', איבער די גרויסע כח און מעלה פון זאגן אמן ווען עס איז נישט פארצופאל, ווען פונקט האבן מיר געהערט פון איינעם זאגן א ברכה, עס איז זיכער אז דאס איז א טייערע זאך און מען טאר נישט מוותר זיין אויף דעם. אבער דא רעדט מען פון "בני אדם שמשכימים ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש ועונים אמן", ד.מ. מענטשן וואס גרייטן זיך שטענדיג און שטרענגען זיך אן צו קומען פריה אין שול כדי צו זאגן אמן! עס איז נישט קיין ספק אז דאס האט א שטערקערע חשיבות און שטארקייט וואס דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין צו א שיצונג פון אונזערע פיינט.

**מיט א תפילה "ונושעתם מאויביכם" אמן!**

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# די תפילה וואס האט אפגעשטעלט דאס בלוט

צווישן דעם באריםטן חב"ד'סקער משפיע רבי מנחם מענדל פעטערפאס זצ"ל און הרה"ק רבי חיים זאנוויל אבראמאוויטש - דער ריבניצער רבי זי"ע איז געווען א ספעציעלע און א לאנג יעריגן פארבינדונג. די פארבינדונג צווישן זיי האט זיך אנגעהויבן ווען זיי זענען נאך געווען אויפן רוסישן באדן, צוטרויטן אונטער די קאמוניסטישע שטיוול, באלאגערט און אונטערגעדרוקט הינטערן אייזערנעם פאראהאנג.

ר' מענדל פעטערפאס און דער ריבניצער רבי זענען ביידע געווען 'מסירות נפש אידן', פשוטו כמשמעו. זיי ביידע האבן זיך נישט דערשראקן פון די דראאונגען פונעם קאמוניסטישן רעזשים צו פירן א שווערע קאמף קעגן יעדער וואס האט זיך געוואגט צו פארשפרייטן תורה און אידישקייט אין דעם רוסישן הערשאפט, זיי האבן פארגעזעצט מיט מסירות נפש אפילו אונטערן רעזשים, און האבן נישט אויפגעהערט אפילו נאכן באצאלן אויף דעם א שווערן פרייז.

צווישן זיינע אנדערע אקטיוויטעטן פאר תורה און חסד אין סאוועטישן-פארבאנד, האט דער רבי'ניצער רבי געדינט מיט מסירות נפש אלס שוחט און מוהל צווישן די דארטיגע אידן. די וואס האבן אים געקענט האבן עדות געזאגט אז ער האט קיינמאל נישט אפגעזאגט א


כ"ק האדמו"ר מריבניץ זצ"ל

בקשה וואס איז צו אים אנגעקומען אין דעם געביט. נאך זייענדיג אונטער דער הערשאפט פון דער קאמוניסטישער טעראר, וואס האט גע'רודפ'ט די רעליגיעזע אידן, האט דער רבי איינגעשטעלט זיין לעבן, כדי מכניס זיין הונדערטער און טויזנטער קינדער בבריתו של אברהם אבינו.

ווייל ביי אסאך פון די ברית'ן איז נאר די מוטער אנוועזנד געווען, ווייל דער טאטע האט געמוזט פארלאזן זיין היים, צי נישט צו פעלן פון זיין ארבעט - וואס אין דעם סאוועטישן-פארבאנד איז עס פאררעכנט געווען פאר א ריכטיגער פארברעך, צי צוליב זיין קעגנערשאפט צו דעם, האט דער ריבניצער רבי געבעטן זיין חבר ר' מענדל פעטערפאס זאל אים באגלייטן כדי אים היטן פון איסור יחוד.

דאס איז געווען אין איינע פון די מערסטע אנגעצויגענע ברית'ן וואס דער רבי האט אדורכגעפירט; א לאנגע צייט פון פריער האט די מאמע פון דעם קינד זיך פארבינדן מיטן רבי'ן און אים דערציילט אויף דעם קינד וואס איז איר געבוירן געווארן נאך לאנגע יארן. די מאמע וואס האט אביסל געהאלטן אידישקייט האט זיך זייער געזארגט אויפן אידישן צוקונפט פון איר געצערטעל'טן קינד, וועגן דעם האט זי געוואלט מען זאל אים טון ברית ווי עס דארף צו זיין. אבער דער טאטע וועלכער האט געשפילט א הויכער ראלע אין דער רויטער ארמיי, איז געווען א פרומער קאמוניסט, א גרויסער קעגנער אויף רעליגיעז און די וואס היטן עס אפ, איז אין די צייט וואס ער האט זיך אויפגעהאלטן נאנט צו זיין היים, איז נישט מעגליך געווען צו מאכן דעם ברית.

ביז עס אנגעקומען די פאסיגע מינוט איז די מוטער געצווינגען געווען צו ערציען איר פיצל קינד ווען ער איז נישט גע'מל'ט. זי האט געדאונט אין די טיפענישן פון הארץ אז די פאסיגע געלעגנהייט זאל שוין אנקומען, און דאס איז טאקע ענדליך אנגעקומען.

איין טאג האט דער טאטע געמאלדן פאר זיין ווייב אז צומארגנ'ס דארף ער אין נאמען פון דער ארמיי אוועק גיין אויף א שליחות פון צוויי וואכן. די מאמע האט שווער געקענט באהאלטן איר גליק, זיין פעלן צוויי וואכן איז פאר איר א גוטע געלעגנהייט צו ערפילן איר הארץ געלוסטעניש, זי האט אים געמאלדן איבער איר הסכמה אויף דעם און ער האט זיך ארויסגעלאזט אויף זיין וועג.

ווי נאר ער איז אוועק פון שטוב האט די מאמע זיך געאיילט שיקן א טעלעגראם צום ריבניצער רבי'ן אז יעצט האט זיך געמאכט א געלעגנהייט צו קענען טון די ברית. זי האט געבעטן דעם רבי'ן זאל זיך צואיילן בעפאר ער וועט פארשפעטיגן די געלעגנהייט, און דער רבי איז תיכף צוגעגאנגען צו רבי מענדל'ס הויז און צוזאמען האבן זיי זיך געאיילט זיך ארויסלאזן אויפן וועג.

דער וועג פון דעם רבי'ס הויז ביז צו די קינד'ס הויז איז געווען לאנג און מסוכנ'דיג, אבער גארנישט האט נישט אפגעהאלטן דעם רבי'ן. כאטש ער האט באהאלטן די 'מוהל מעסער' אונטער זיינע קליידער, דאך איז עס כמעט אוועק גענומען געווארן פון זיינע הענט. אבער ענדליך זענען זיי אנגעקומען בשלום.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום קינד'ס הויז, האט דער רבי זיך געאיילט אלעס מסדר זיין, מען האט דאס קינד אוועקגעזעצט אויף די קני און דער רבי האט זיך געאיילט אים צו מל'ן. נאכן ברית האט דער רבי אנגעהויבן ווי געווענליך אפשטעלן דאס בלוט און באנדאזשירן די ברית, אבער צו זייער גרויסע וואונדער האט דאס בלוט נישט אויפגעהערט פון צו פליסן.

די בעיבי האט געשריגן פון ווייטאג, און דער רבי האט אלעס פרובירט אבער עס האט נישט געהאלפן.

אין דעם קליינעם צימערל איז געווארן א בהלה. נארמאל וואלט דער מוהל געמוזט שנעל רופן א דאקטער זאל באהאנדלען דאס קינד און אפשטעלן דאס בלוט מיט זיינע מעדיצינישע מיטלען, אבער אין דעם פאל איז עס געווען אוממעגליך, סיי אלס מורא טאמער דער פאטער וועט געוואר ווערן, סיי טאמער דער דאקטער אליין וועט זיי איבערגעגעבן צו די רעגירונג.

ר' מענדל איז געווארן ווייס ווי קאלעך און איז שטיל געשוויגן, די מאמע פון דער אנדערער זייט האט זיך גענומען ביטער שרייען אין היסטעריע. דער מצב האט אויסגעזען פארצווייפלט, דאס לעבן פונעם פיצל קינד איז געווען אויפן וואגשאל, די אנוועזנדע האבן געוואוסט די באדייט וואס וועט נאכפאלגן די אומגליק וואס וועט חלילה פאסירן מיטן קינד, אויסער די סכנה פארן רבי'ן און זיין באגלייטער, איז אין דעם געווען א סכנה אויף די אידישע צוקונפט פון די הונדערטער קליינע קינדער וואס דער רבי וועט זיי מל'ן אין די צוקונפט.

אבער צום גרויסן וואונדער האט דער ריבניצער רבי אויסגעזען גאנץ רואיג. ער האט געווינקען פאר די אנוועזנדע צו ווארטן אביסל, און דאן איז ער אריין אין א זייטיגן צימער. ער האט זיך פארשפארט אין צימער אויף לאנגע מינוטן פארגעסנדיג פון דער וועלט, און ווען ער איז ארויס פון צימער האט דאס בלוט אויפגעהערט צו פליסן, אן קיין שום מעדיצינישע באהאנדלונג.

ביים ענדיגן באנדאזשירן האט דער רבי געגעבן פאר די מאמע עטליכע אנווייזונגען וויאזוי באהאנדלען די בעיבי ביז זיין גענצליכער ערהוילונג, נאכדעם האט ער אנגעוואונטשן די מאמע און די בעיבי ווי געווענליך און זיך געאיילט ארויסגיין פון הויז באגלייט מיט דעם איבערגעגעבענער ר' מענדל. עטליכע שעה שפעטער זענען זיי צוויי שוין געווען אין זייער שטאט.

ווען זיי זענען צוריקגעקומען אל המנוחה ואל הנחלה, האט רבי מענדל נישט געקענט איינהאלטן זיין נייגעריגקייט, ער האט געבעטן דעם רביניצער רבי'ן זאל ערקלערן וואס ער האט געטון בשעת ער איז געווען פארשפארט אין צימער, און וויאזוי האט זיך דעמאלטס אפגעשטעלט די בלוט אן קיין מעדיצינישע אקציע? דער רבי האט געענטפערט מיט א תמימות: ווען איך בין געווען פארמאכט אין צימער, בין איך געשטאנען און געבעטן פארן באשעפער און אזוי האב איך פאר אים געשריגן: "טאטע אין הימל, לכבוד דיר האב איך יעצט געטון א גרויסע מצוה, איך האב גע'מל'ט דיין באליבט קינד מיט מסירות נפש, איך בעט פון דיר זאלסט מיך נישט פארשעמען...". איך האב אזוי געשריגן צו השי"ת פון טיפן הארץ, און השי"ת האט צוגעהערט מיין דאווענען און די בלוט האט זיך אפגעשטעלט.

מיט יארן שפעטער, דערנאך וואס רבי מענדל האט דערציילט די ערציילונג פאר זיינע נאנטע האט ער אויסגעפירט: "איך מיט די גאנצע תורה וואס איך האב געלערנט און דער אמונה וואס איך האב זיך יארן מחזק געווען - ווען איך האב געזען די בלוט פאר מיינע אויגן האב איך זיך פארלוירן, אבער דער רביניצער רבי מיט זיין פשוטע און תמימות'דיגע אמונה האט אויפגעטון א גוואלד למעלה מדרך הטבע".

'באר החיים' חנוכה עמ' שיא

# ברכו אמוני

**א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות**

# די מצוה פון 'מאה ברכות' (ג)

## די חשבון פון די צאל פון די ברכות

די ראשונים און די אחרונים זענען מאריך אויסרעכענען די צאל 'מאה ברכות' וואס דער מענטש זאגט אין זיין טאג טעגליכן לעבן. די אונטערשיידן צווישן די רעכענונגען שטאמט פון די פארשידענע שיטות וואס איז דא ביי עטליכע ברכות וואס מיר זאגן יעדן טאג, אבער אלע זענען מודה אז יעדער מענטש קען אנקומען צו די חשבון פון מאה ברכות אין זיין געווענליכן סדר היום, אויב ער וואשט זיך צו א סעודה לכל הפחות צוויי מאל א טאג (ראה: שו"ע הרב מו א; משנ"ב שם ג).

אנדערשט איז שבת און ימים טובים, ווייל אין די צייט וואס אינמיטן וואך איז דא ניינצן ברכות ביי די שטילע שמונה עשרה, איז שבת און ימים טובים דא נאר זיבן ברכות. וועגן דעם אין די טעג דארף מען משלים זיין די צאל פון די ברכות וואס פעלן דורך עסן פירות און נאש און שמעקן מיני בשמים (שו"ע או"ח רצ א), דער וואס האט נישט מיט וואס זיי צו משלים זיין, קען בדיעבד יוצא זיין דורך אינזין האבן צו הערן די ברכות פון די וואס זענען עולה לתורה און מפטיר און ער וועט ענטפערן אויף זיי אמן (שם רפד ג; מג"א מו ח; משנ"ב שם יד).

אין דער ענין דארף מען באטאנען וואס די ראשונים שרייבן אז די ברכות השחר האט מען מתקן געווען כדי דער מענטש זאל קענען משלים זיין די צאל פון זאגן די מאה ברכות אין זיין געווענליכן סדר היום, און ער זאל נישט דארפן זיך פלאגן וועגן דעם צולייגן ברכות יעדן טאג (טור או"ח סי' מו; 'שו"ת מן השמים' סי' יב). וועגן דעם זענען דא וואס רופן אן די ברכות השחר מיט נאמען 'מאה ברכות', ווייל דורך זיי קען מען משלים זיין די מאה ברכות אין דעם געווענליכן סדר היום ('המספיק לעובדי ה"' [מהדורת מכון מרע"ה] פרק ל).

## ציילן די ברכות

דער בעל 'סדר היום' שרייבט (שם) אז טראץ ווי געזאגט, געווענליך קען דער מענטש זיין פארזיכערט אז ער וועט אנקומען צו די צאל פון מאה ברכות אין א טאג און אפילו מער, פון דעסוועגן: "איז גוט אז דער מענטש זאל אינזין ביי זיינע ברכות, און ציילן צו וויסן די צאל פון די ברכות וואס ער זאגט, ער זאל נישט פארפעלן פון הונדערט ברכות יעדן טאג וכל המוסיף מוסיפין לו". דער גרי"ז מבריסק איז אויך אזוי מדייק פון לשון הרמב"ם אין הלכות תפילה (ז טז): "ומונה כל הברכות עד שמשלים מאה בכל יום" ('תשובות והנהגות' ב קכט).

רבי יעקב עמדין לייגט צו אז יעדע מאל וואס דער מענטש זאגט א ברכה זאל ער עס אנצייכענען אין א באזונדערע העפט, און אזוי שרייבט ער: "יעדע מאל ווען ער זאגט א ברכה, איז א מצוה עס אויפשרייבן אויף א בוך, צו וויסן די צאל... און אויף שבת זאל ער צוגרייטן א פושקע וואו אין דעם זאל ער אריינלייגן פירות, אדער בונדלעך אזוי ווי די צאל פון די ברכות וואס ער זאגט ביז ער וועט דערגרייכן צו הונדערט... און דער חשבון איז זייער באליבט פאר הקב"ה", און פירט אויס מיט א ברכה "וישלח הברכה באסמיו, וימלא שנותיו וימיו, ויצילנו אף מן קמיו" ('עמודי שמים' חשבון מאה ברכות ב ד).

## פון ווען רעכנט מען די 'מאה ברכות'

די פוסקים קריגן זיך פון ווען און ביז ווען רעכנט מען די מאה ברכות וואס מען דארף זאגן יעדן טאג: עס זענען דא וואס האלטן אז מען הייבט אן זיי צו ציילן יעדן טאג פון די ערשטע ברכה וואס מען זאגט אינדערפרי, דאס איז די ברכה "על נטילת ידים" און ביז מארגן אינדערפרי (די ערשטע דעה אין 'ספר העיתים' קצה; 'תורת חיים' [לגרי"ש סופר] או"ח מו י, בדעת הלבוש שם א). דער הרמ"ע מפאנו ברענגט אויך א רמז אויף דעם פון דער נוסח הברכה "על נטילת ידים", ווייל 'על' איז גימטריה 'מאה' ('כנפי יונה' ח"ב סי' קיב).

אבער רוב פוסקים האלטן אז ציילן די מאה ברכות יעדן טאג הייבט זיך אן ביי צאת הכוכבים ביז די מארגנדיגע צאת הכוכבים (הכרעת 'ספר העתים' שם; 'סדר היום' סדר מאה ברכות; 'עמודי שמים' חשבון מאה ברכות א; שו"ע הרב שם. וראה שו"ת 'בצל החכמה' ח"ד סי' קנה).

## מער פון מאה אדער ווייניגער פון מאה

הרמ"ע מפאנו שרייבט (שו"ת, סי' לט) אז די פוסקים רעכענען נישט אויס די צאל פון די 'מאה ברכות' וואס דער מענטש זאגט יעדן טאג "נאר פאר די פראסטע זיי זאלן נישט פארוויניגערן פון דעם", אבער די ערליכע פארמערן צוזאגן יעדן טאג מער פון הונדערט מאה ברכות. און אין דער ענין איז באקאנט די ווערטער פון 'אבודרהם' (ברכת המצוות ומשפטיהם) אז יעדער וואס איז מוסיף אויף די מאה ברכות הרי זה משובח, אזוי ווי דוד המלך זאגט (תהלים עא טו): "פי יספר צדקתך כל היום תשועתך כי לא ידעתי ספורות".

הגרי"ז פסק'נט אז אין א טאג וואס דער מענטש זעט אז ער וועט נישט צוקומען צו מאה ברכות, און ער וועט געצווינגען זיין הערן ברכות פון אנדערע כדי צו משלים זיין די צאל [אזוי ווי מיר האבן אויבן געברענגט אז בדיעבד קען מען יוצא זיין די חוב פון מאה ברכות מיטן הערן די ברכות פון די וואס זענען עולה לתורה], איז נישטא קיין ענין זיך אנשטרענגען און זאגן נאך ברכות, ווייל לגבי דער דין פון מאה ברכות איז נישט קיין נפקא מינה אויב ער זאגט אליין אכציג אדער ניינציג ברכות, אויב ער דערגרייכט נישט צו הונדערט. און אזוי האט ער זיך אויך געפירט הלכה למעשה; יעדן שבת פלעגט ער עולה זיין מפטיר כדי ער זאל צוקומען צו די צאל פון אייגענע מאה ברכות, אבער יום כיפור וואס ער האט געוואוסט אז ער וועט מוזן צורעכענען די ברכות פון די וואס זענען עולה לתורה, האט ער נישט אכטונג געגעבן עולה זיין מפטיר (קונטרס 'מצות מאה ברכות' [לר"א טוקר] עמ' לה).

אבער עס זענען דא וואס קריגן און האלטן אז ביז דער מענטש האט נישט דערגרייכט צו די סומע פון מאה ברכות ליגט אויף אים א מצוה צולייגן ברכות וויפיל ער קען, אויך אויב ער איז פארזיכערט אז אין ענדע טאג וועט ער נישט האבן מאה ברכות (שם בשם הגר"א גניחובסקי; 'אילת השחר' דברים י יב).

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

"וַיְהִי בִּנְסֹעַ הָאָרֹן וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה קוּמָה ה' וְיָפֻצוּ אֹיְבֶיךָ וְיָנֻסוּ מְשַׂנְאֶיךָ מִפָּנֶיךָ" (י לה)

רש"י ברענגט וואס חז"ל זאגן (שבת קטו ב) די סיבה פארוואס אין תורה איז געשריבן א 'נו"ן הפוכה' בעפאר די פרשה פון "וַיְהִי בִּנְסֹעַ" און נאכדעם, כדי עס אפטיילן פון די פרשיות פון פריער און פון נאכדעם, ווייל נישט דא איז די פלאץ פון די פרשה, און עס איז דא געשריבן געווארן כדי צו מפסיק זיין צווישן די פורענות וואס עס שטייט פריער און די פורענות וואס שטייט שפעטער.

פארוואס פונקט די אות נו"ן איז אויסדערוועלט געווארן אויף די ציל?

ערקלערט רבי שלמה גאנצפריד בעל 'קיצור שולחן ערוך':

דער רוקח שרייבט (סי' שכ) אז אין תורה זענען דא הונדערט קללות; אכט און ניינציג אין פרשת כי תבא, און נאך צוויי וואס זענען מרומז אין פסוק (דברים כח סא): "גם כל חלי וכל מכה". כדי באשיצט ווערן פון די

## די מאה ברכות באשיצן פון מאה קללות

מאה קללות, דארף דער מענטש זאגן יעדן טאג מאה ברכות.

ווען די תורה האט געוואלט אפטיילן צווישן איין פורענות און די צווייטע האט זי זיך באנוצט מיט צוויי אותיות נו"ן וואס צוזאמען זענען גימטריה 'מאה', מרמז זיין אז אלע יארן וואס אידן זענען אין גלות און זיי דארפן מורא האבן פון די שטראפן צוליב די מאה קללות וואס שטייען אין תורה, איז די שיצונג פון זיי דורך זאגן מאה ברכות יעדן טאג. ('אפריון')

**"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".**

# מאוצרות אמונים

### ענטפערן אמן נאך ברכות השחר

## די הנהגה פון רבי חיים פאלאג'י

יעדן אינדערפרי פלעגט רבי חיים פאלאג'י רופן פאר אים זיינע קינדער און אייניקלעך זאלן זאגן פאר אים די ברכות השחר כדי ער זאל קענען ענטפערן נאך זיי ברוך הוא וברוך שמו און אמן ('צוָאה מחיים' הנהגות המחבר אות ד).

## די הנהגה פון אמשינאווער רבי

פאלגנד איז א אינטערעסאנטער עדות אויף די הנהגה פון האדמו"ר רבי מאיר פון אמשינאוו, ציטירט פון ספר 'כתר מלוכה' (עמ' שיא):

איך בין געווען א יונגער בחור ווען איך האב געלערנט אין איינע פון די ישיבות אין די 'בית וגן' געגנט אין ירושלים, די קווארטל וואו האדמו"ר רבי מאיר פון אמשינאוו האט דארט אויפגעשטעלט זיין הויף. אין דעם רבינ'ס בית המדרש איז יעדן אינדערפרי' אפגעהאלטן געווארן אסאך מנינים אויף תפילת שחרית. אמאל האב איך פארשפעטיגט דעם מנין אין ישיבה און איך בין אריין דאווענען אין אמשינאוו. איך האב געלייגט תפילין און געעפנט דעם סידור אנצוהייבן דאווענען, און מיטאמאל האב איך באמערקט אז דער רבי שטייט נעבן מיר און בייגט זיך צו צו הערן די 'ברכות השחר' וואס קומען ארויס פון מיין מויל, איך בין זייער איבערראשט געווארן און געזאגט די ברכות כמונה מעות. דער רבי איז געשטאנען די גאנצע צייט, ווען ער הערט צו צו מיינע ברכות און ענטפערט אמן מיט כוונה און מיט א שיינעם ניגון, ווען איך האב פארענדיגט האט ער מיר ווארעם באדאנקט.

נאכדעם וואס איך האב געענדיגט זאגן די ברכות האב איך באמערקט אז דער רבי גייט ווייטער ארום צווישן די מנינים נאך א לאנגע צייט, צו ענטפערן אמן און אמן 'יהא שמיה רבא. שפעטער האב איך נאך עטליכע מאל געטראפן דעם רבי'ן אין זיין בית המדרש, און שטענדיג געזען דעם רבי'ן שפאצירן צווישן די מענטשן כדי צו ענטפערן אמן נאך זייערע ברכות.

# אגרות אמונים

### א בריוו פון א געטרייער לייענער

**צו די מיטגלידער פון 'וכל מאמינים' איש איש בשמו הטוב יבורך**

די פרוכט פון ענקער פלאג איז זייער גוט, א רוחניות'דיגע פארגעניגן פאר יעדן עלטער און צייט. עס איז א חידוש צו זען ווי וויפיל מען קען צולייגן און מחדש זיין אין דעם דערהויבענעם ענין פון ענטפערן אמן. די אלע גוטע זאכן געבן אייך איבער מיט א קלארן און ליבלעכן שפראך, דברים הנכנסים אל הלב.

א באזונדערע יישר כח אויף די שיינע מאמרים אויף די 'מאה ברכות'. איך האב געזען אז ענק האבן געברענגט אין נאמען פון מבי"ט ('בית אלקים' שער התפלה פרק טז) אז די סיבה פארוואס דוד האט מתקן געווען צו זאגן 'מאה ברכות' ווייל ער האט געזען אז יעדן טאג שטארבן פונקט הונדערט מענטשן, און די צרה איז נישט געווען ווי אנדערע מגיפות וואס די צאל פון די טויטע איז אמאל אזוי און אמאל אזוי, אזוי ווי די חכמים זאגן (ב"ק ס א): "כיון שניתן רשות למשחית אינו מבחין בין צדיקים לרשעים", און דא זענען געשטארבן פונקט הונדערט. וועגן דעם רופט עס אן דער מבי"ט "מען מגיפה".

לויט דעם קומט אויס אז יעדע ברכה פון די מאה ברכות ראטעוועט איין נפש פון די הונדערט נפשות. איך האב געטראכט אז דאס איז מרומז אין 'אמן' וואס מען ענטפערט אויף די ברכה, אמן איז ר"ת - "מציל נפש אחת", פארן מענטש וואס האט געזאגט א ברכה זאגט מען אים דו האסט געראטעוועט איין נפש, און וועגן דעם איז אזוי גרויס און חשוב די אמן, ווייל דאס זאגט אונז די מעלה פון די ברכה.

**בברכת התורה**
**שמואל גרין**
**מודיע'ין עילית**

מען קען שיקן בריוו צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

### אמן און ברכות אין די ווערק פונעם בעל הילולא

## המקובל רבי נפתלי הירץ הלוי ווינדנבוים זצ"ל
### יד סיון תרס"ב



די בילד פון ערשטער 'יפו'ער רב רבי נפתלי הירץ הלוי ווינדנבוים זצ"ל

רבי נפתלי הירץ הלוי איז געבוירן געווארן אין ביאליסטאק אין י"ג חשון יאר תרי"ג צו זיין פאטער רבי אליהו לייב. אין יאר תרמ"ד איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און האט זיך באזעצט אין די מאה שערים געגענט, וואו ער האט מרביץ תורה געווען אין די ישיבה פון חברת 'דגל תורה'. ווען זיי האבן אנערקענט זיין גרויסקייט, האבן זיי אים געוואלט שטעלן צו זיין דער סגן פון דעם אלטן רב פון שטאט רבי שמואל סאלאנט, אבער אין ענדע איז ארויפגעקומען די וויכטיגקייט אים צו אויפנעמען אלס דער ערשטער רב פון יפו און אין די נייע קאלאניעס וואס זענען געגרינדערט געווארן ארום איר. אין די שטעלע האט ער אנגעהויבן דינען אין יאר תרמ"ז, און האט אויפגעבויעט דעם גאנצן יסוד פארן אידישן לעבן אין די שטאט.

נאך אין ביאליסטאק, איז זיין נאמען באקאנט געווארן אלס א גרויסער ידען אין חכמת הקבלה, ער האט אויך אסאך עוסק געווען אין ספרי קבלה וואס דער גר"א האט געשריבן, און עטליכע פון זיי האט ער איבערגעדרוקט. ער איז נפטר געווארן אין ירושלים י"ב סיון תרס"ב, אין עלטער פון פופציג יאר, און איז באערדיגט אויפן הר הזיתים.

**דער 'יפו'ער רב האט געשריבן א וואונדערליכע בריוו איבער די כוונה פון אמן און איר דערהויבענע מעלה. די בריוו ווערט אינגאנצן אראפגעברענגט אין ספר 'כתר מלוכה' עמ' רעג, פאלגנד זענען צוויי אויסצוגן פון די בריוו:**

## בעטן ביים ענטפערן אמן

דערנאך וואס ער איז מאריך צו ערקלערן אין זיין בריוו די טיפע כוונות פון ענטפערן אמן, ענדיגט ער די בריוו מיט די ווערטער: "די עצה פאר דער וואס קען נישט אינזין האבן די אלע אויבנדערמאנטע כוונות... ער זאל אינזין האבן אז ער זאגט ארויס די ווארט פון זיין מויל, און הקבה"ה מיט זיין גוט'סקייט וועט שוין טון אלע תיקונים וואס דארפן געטון ווערן ביים ענטפערן אמן, און ער זאל אינזין האבן צו בעטן פון השי"ת זאל טון די דערמאנטע תיקונים".

## דורך ענטפערן אמן ווערט מען הייליג

אזוי ערקלערט ער אויך אין זיין בריוו וואס די חכמים זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן": "ביים ענטפערן אמן ווערן געעפנט די טויערן פון גן עדן, ווייל די טויערן פון עולם הזה - תורה און מצוות זענען טויערן אריינגיין אין גן עדן. און ביים ענטפערן אמן מיט די דערמאנטע כוונה, איז ער גורם עס זאל זיך עפענען די טויערן פון שערי חכמה, און עס רוהט אויף אים די קדושה עליונה און די וואונדערליכע השגחה צו קענען שטייגן מער און מער".